# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Dos Gehspenst “Khudea” (Fun Zayne Farblibene Rayze-Shriftn) / The Spectre “Hudea” (From His Remaining Travel-Writings)

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/4r78m5qn

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)

### Author
Lev Malach, Leyb Malekh /

### Publication Date
1978

### Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לייב מלאך *)

# דאָס געשפּענסט „כודעאָ“

(רייזע־בלעטער פון זיינע פאַרבליבענע שריפטן)

דאָס וואָרט „כודעאָ“ (ייד) איז אין פּאָרטוגאַל אַ זידלוואָרט, און גלייכצייטיק אַ וואָרט מיט וואָס מען שרעקט איבער קליינע קינדער. כאָטש פרעגט זיי, די פּאָרטוגעזער, די אינטעלעגענטע אַזוי גוט ווי די אומוויסנדיקע, וואָס אַזוינס עס איז אַ ייד? הייבן זיי ניט אָן צו וויסן.

אַז דער איזל וויל ניט גיין אין שפּאַן רופט מען אים „כודעאָ“. און אַז איינער איז טויט־שיכור, רופט מען אים ווידער „כודעאָ“. עס פאַלט זיי גאָר ניט איין נאָכצוזוכן און נאָכצוטראַכטן וועגן שורש פון דעם וואָרט. זיי וויסן נישט, די פּאָרטוגעזער, אַז אַ גרויסער טייל פון זיי, אפשר דער גרעסטער טייל פון זייער פאָלק האָט אין זיך יידיש בלוט. זיי גיבן זיך ניט אָפּ קיין חשבון וועגן דעם מנהג אין זייערע חיזער, וואָס פרייטאג צונאַכטס (נישט זונטאג), נאָר בפירוש פרייטאג צונאַכטס) צינדן זייערע באָבעס, זייערע מאַמעס און זייערע ווייבער אָן ליכט און גראד אין היימישע יידישע לייכטער.

זיי האָבן פאַרגעסן, אַז אַ סך פון זיי, פון די פרומע, אָפּגעהיטענע קאַטאָליקן, זיינען די אייניקלעך פון די „ניי־קריסטן“, די, וואָס האָבן לפנים אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן און אין געהיים זיינען זיי פאַרבליבן יידן. און באַהאַלטענערהייט האָבן זיי ווייטער אָפּגעהיט די יידישע אמונה — די דינים און מנהגים און אַ טייל פון דער טראַדיציע האָבן זיי איבערגעגעבן זייערע קינדער און קינדס־קינדער. די אוראייניקלעך היטן נאָך אָפּ ביזן היינטיקן טאָג טייל מנהגים און וויסן אפילו ניט פון וואַנען זיי שטאַמען.

אין פּאָרטוגאַל איז היינט פאַראַן אַ גאַנץ היפּשע אנוסים באַוועגונג. נאָך לאַנגע דורות האָט דאָס בלוט געגומען מאָנען. עס איז נישטאָ קיין שום סיבה פאַרוואָס די דאָזיקע עכטע קריסטן זאָלן דעקלאַרירן זייער קרובהשאַפט צום יידנטום. און דאָך זעט עס אויס צו זיין אַן אינערלעכע נויטווענדיקייט. זיי טוען אַלץ צו פאַרווירקלעכן זייער אידעע. דערוויל אָבער אויפן שטייגער פון זייערע אור־זיידעס, וועלכע זיינען געוואָרן „ניי־קריסטן“, ווערן די אור־אייניקלעך היינט „ניי־יידן“.

די נייע יידן דאַרפן זיך אָבער נישט באַהאַלטן מיט זייערע יידישע נייגונגען (אַחוץ אין זעלטענע פאַלן) קיינער שטערט זיי ניט און קיינעם גייט עס ניט אָן.

דאָס זידלוואָרט „כודעאָ“ איז טאַקע געבליבן אַ „סימבאָל“, אמת, נישט קיין שיינער סימבאָל, אָבער קיינער ווייסט שוין היינט ניט וואָס דאָס וואָרט מיינט, ווייל די היינטיקע „ניי־יידן“ האַלטן זיך ניט פאַר קיין „כודעאָס“ נאָר פאַר „איזראַעליטאָס“. דאָס וואָרט „איזראַעליטאַ“ איז שוין אַ העכערער באַגריף ביי פּאָרטוגעזער.

ווען אַלע „ניי־קריסטן“ וואָלטן געוואָרן „איזראַעליטאָס“, קאָן זיין אַז יידן וואָלטן געוואָרן אַ... מערהייט אין פּאָרטוגאַל. נאָר דערוויל האַלט עס נאָך ניט דערביי, הגם די אנוסים באַוועגונג שטייגט אין צאָל פון מאָל צו מאָל. פאַראַן אָבער נאָך געגענטן אַזעלכע, ווי בעלמאָנטע, צפון פּאָרטוגאַל, ווו די שרעק פאַרן קריסטלעכן שכן געוועלטיקט נאָך און דער פּחד פאַר מסירה צו דער קאַטוילישער קירך איז נאָך גרויס.

קיין באַשטימטע פאָרעם האָט נאָך די באַוועגונג דערוויל ניט אָנגענומען און קיין מאַסן־כאַראַקטער — אויך ניט. עס געפינען זיך אין פאַרשיידענע געגנטן פון פּאָרטוגאַל באַשטימטע געמיינדעס פון די אנוסים. זייער יידישקייט נעמט אַלץ אָן אַ מער פּאָזיטיוון אויסקוק און אויסזען. למשל: דעם היינטיקן פּסח (די שורות ווערן געשריבן אין ליסאַבאָן חול המועד פּסח 1936) האָט מען אין אַ סך אַזעלכע געמיינדעס אָפּגעריכט דעם סדר. פיל אנוסים זיינען געווען צוגאַסט ביים סדר אין יידישע, פּאָרטוגעזישע היימען און נישט נאָר זיך צוגעקוקט נאָר אנטייל גע־

*) צו זיין צוויי און פערציקסטן יאָרצייט)

נומען אין סדר. איז דאָך אין פּאָרטאָ, איינע פון די עלטסטע שטעט אין פּאָרטוגאַל, אויפגעשטעלט געוואָרן אַ וווּנדערשיינע סינאַגאָגע צוזאַמען מיט אַ ישיבה. די שול מיט איר גאַנצן גלאַנץ און פּראַכט האָט אויפגעבויט איינער פון די אנוסים — אַ מענטש מיט אַ הויכן מיליטערישן ראַנג — קאָמאַנדיר פון ראַיאָן קאָרפּוס אין פּאָרטאָ. און די קינדער זיינען קינדער פון די אנוסים — אייניקלעך פון די מאַראַנען.

דאָס וואָרט „הזשודעא" („כודעאָ") איז טאַקע אַ שימף־וואָרט, נאָר אָנגעזעענע מלוכה־מענער שטאָלצירן דערמיט, וואָס זיי הייסן קאָסטאַ און רי ריקאָ און סילוואַ. אַזעלכע נעמען קאָן מען געפינען אין דער העכסטער געזעלשאַפט פון פּאָרטוגאַל; און דאָס זיינען דאָך יידיש נעמען — אָן צווייפל.

אפילו דער דיקטאַטאָר פון פּאָרטוגאַל, דער סאַמע זעלבסטהערשער פון לאַנד, דער פּרעמיער אלוויראָ סאַלאַזאַר, דער וועלכער איז באַקאַנט אַלס דער הייסטער אָנהענגער פון יעזואיטישן אָרדן, אַ שטרענגער קאַטאָליק, שטאַמט פון יידן.

עס קאָן זיין, אַז בעת ער פאָרט צו זיין אַמט־ביוראָ פאַרביי די „פּראַזאַ רוסאָ", אָט דאָ ווו עס איז פאַראַן דאָס נאַציאָנאַלע טעאַטער, טראַכט ער אפשר פון זיינע זיידעס, וועלכע זיינען דאָ אויף דעם פּלאַץ פאַרברענט געוואָרן על קידוש השם. און אפשר טראַכט ער ניט. די שפּאַנישע גראַנדן און קאַטוילישע גלחים ראַטעווען זיך איצטער דאָ אין פּאָרטוגאַל אַנטלויפנדיק מאַסנווייז פון שפּאַניער, אונטער זיינע פליגל, ביי דעם שטרענגן קאַטאָליק, דאָס אייניקל פון די עלטער־זיידעס וואָס זיינען געברענט געוואָרן אויפן פייער לויט דעם באַפעל פון די, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די טרויעריק באַרימטע אינקוויזיציע. אפשר געפעלט עס אים גאָר, דעם דיקטאַטאָר און הייסן קאַטאָליק, וואָס זיי דאַרפן היינט ביי אים זוכן און טאַקע געפינען שוץ.

* * * * *

אין פּאָרטוגאַל קומט איצטער אויף אַ יידיש לעבן. די ביטערע לאַגע פון די יידן אין אייראָפּע, דאָס פאַרשליסן די טויערן פון אַ גאַנץ רייע לענדער, פון כמעט אַ גאַנצער וועלט, האָט גורם געווען, אַז אַ קליינע יידישע קהילה זאָל דאָ אַנטשטיין און אַ קליינער יידישער יישוב זאָל זיך דאָ אַנטוויקלען.

דער ערשטער „אַלימאַן" (ד"ה דייטש) אַזוי האָבן זיך די איינוואַנדערער דעמאָלט גערופן, וווינט שוין דאָ אַן ערך 35 יאָר. דאָס איז אַ רוסישער ייד, דער ערשטער וואָס האָט דאָ אין דער נייער צייט געשטעלט טריט. און דערפאַר רופט מען אים זיידע. אָבער גלייך נאָכדעם, ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָבן אָנגעהויבן אַריינוואַנדערן דייטשע יידן; אָבער ס'רוב — פוילישע, וועלכע זיינען געלאָפן פון קריזיס, פון דער נויט, פון דחקות. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז די שטאָט לוצק איז דאָ אַמשטאַרקסטן פאַרטראָטן. דאָס איז נאַטירלעך. ס'איז גענוג אַז איינער זאָל אויסוואַנדערן און מיטשלעפן אַ סך אַנדערע. עס איז דאָ אויך פאַראַן אַ משפחה פון לונע, גראָדנער גובערניע. די משפחה האָט זיך שוין דאָ פאַרצווייגט אין דריי פאַמיליע־נעמען אַ דאַנק די שידוכים. עס זיינען אויך דאָ פאַראַן עכטע „געבראָטענע ליטוואַקעס".

ווי איבעראַל, האָבן די יידן דאָ ניט געלעקט קיין האָניק. מען האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אויסגעפּרוווטער פּרנסה: פּעדלעריי — דאָ רופן זיי עס ביים אַלטן נאָמען „הויזירעריי". אָן לשון און אָן צו וויסן די מנהגים פון לאַנד, האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער רויער פּראָווינץ מיטן פּעקל אויף די פּלייצעס. נאָך היינט זעט מען זיי, די יידישע יונגעלייט, זיך שלעפּן איבער די שטויביקע וועגן, פון איין שטעטל אין אַנדערן אַריין, פון איין פישער־דאָרף אין צווייטן; אין די ענגע, אָנגערויכערטע, שמוציקע וואַגאָנעס מיט זייער סחורה. דער פּאָרטוגעזער ווייסט, אַז דאָ זיינען „פּאָלאַקאָס". די היינטיקע יידן רופט מען שוין פוילישע. מעגן זיי זיין פון לעטלאַנד, פון ליטע אָדער רומעניע — זיינען זיי אַלץ „פּאָלאַקאָס". זיי פירן אַ לעבן נאָך ערגער ווי די ציגיינער. אפילו אין דער הויפּטשטאָט ליסאַבאָן, נעכטיקן זיי אין אָרעמע, ביליקע האָטעל צימערלעך, אָדער גאָר, אויב עס פעלט אויס, אונטער אַ בריק.

נאָר זיי זיינען פון די ווייניקע. מערסטנטייל, נאָכן „אַרומשלאָגן" זיך איבער די

וועגן, דערשלאָגט מען זיך צו עפּעס. מען אַרבעט זיך אַרויף, ווער צו אַ געשעפט און ווער צו אַנדערע פּרנסות. לעצטנס האָבן זיך די יידן אַ וואָרף געטאָן אויף אַ זייער פּראָדוקטיוון געביט. — אַנטוויקלען די קליינע אינדוסטריע אין לאַנד: טריקאָטאַזש, טעקסטיל און האַנטווערק. די רעגירונג האָט געקוקט מיט צופרידנקייט אויף דעם. מען האָט דעם פּאָרטוגעזער אויסגעלערנט אַ פאַך. מען האָט אַ סך פון די פּאָרטוגעזער, וועלכע האָבן זיך אַרומגעשלאָגן שלינג און שלאַנג, געגעבן באַשעפטיקונג. יידן האָבן אָנגעהויבן שפּילן אַ ראָל, אַלס נוצלעכער עלעמענט און מען איז זיי געגרן אַנטקעגן געקומען מיט קרעדיטן.

לײדער האָט דאָס לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. יידן האָבן אָנגעהויבן פירן צווישן זיך אַ ביטערע קאָנקורענץ. די גרויסע סוחרים האָבן דאָס אויסגענוצט — געקויפט ביליג און פאַרקויפט טייער. די „פאַבריקאַנטן" אָבער האָבן ניט געקאָנט נאָכקומען: די פּראָצענטן, די שכירות פון די אַרבעטער און דעם רוי־מאַטעריאַל. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה באַנקראָטן. דער גוטער שם פון די יידן, די פּרנסות האָבן זיך אויסגעלאָזט, די האָניק־חדשים זיינען געוואָרן זייער ביטער.

* * * * *

דער גרעסטער קיבוץ איז, באַטירלעך, אין ליסאַבאָן, די הויפּטשטאָט פון פּאָרטוגאַל. עס זיינען אויך פאַראַן קלענערע ישובים אין אַנדערע שטעט. אַ צענדליק פאַמיליעס געפינט זיך אין פּאָרטאָ. אַ דריי־פיר פאַמיליעס — אויף דעם אינדזל מאַדעיראַ. און ווו נישט ווו אין די קלענערע שטעטלעך צו איינע אָדער צוויי פאַמיליעס.

געזעלשאַפטלעך און קולטורעל לעבט מען נאָך צוריקגעשטאַנען. מיט דער גרויסער וועלט מיט אַלע אירע גרויסע פּראָבלעמען זיינען די ליסבאָנער יידן ניט באַקאַנט, אָדער ווייניק באַקאַנט. פאַר די ארץ ישראל אַקציעס גיבן זיי ניט; פּשוט, נישטאָ ווער עס זאָל נעמען. פאַר די אַלע אַנדערע הילפס־קאַמפּאַניעס וואָלט מען ביי זיי אויך געקאָנט קריגן געלט, וואָרים פאַראַן אויך אַזעלכע, געציילטע, וועלכע זיינען געקומען אַהער מיט ליידיקע צען פינגער און זיינען דאָ רייך געוואָרן. נאָר עפּעס האָט די וועלט אָן פּאָרטוגאַל פאַרגעסן. פאַראַן דאָ אַ פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן, וויסט קיינער ניט זיין אַדרעס. דער פּרעזידענט פון פאַרבאַנד ווייסט אויך ניט... פאַראַן אַן אַשכּנזישע שול — אַן אָפּגעדונגען צימער אין אַן אָפיס. יום־טוב קומט זיך דווקא דאָ צונויף אַ גרויסער עולם. דערנאָך גייט מען אַהיים און מען וואַרט ביז אַ צווייטן יום־טוב. פאַראַן אפילו אַ העברעישע שול אויך. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז די קינדער פון דער העברעישער שול אין פּאָרטוגאַלריידן אַלע יידיש און גראָד אַ פיינעם וואָלינער יידיש.

לעצטנס איז געשאַפן געוואָרן אַ קלוב פאַר דער יוגנט; אַשכּנזישע און ספרדישע יוגנט צוזאַמען. דער קלוב הייסט „החבר". עס קומען פאָר פון צייט צו צייט באַגרעניצטע ליטעראַרישע אָוונטן. אָט איז ערשט ניט לאַנג צוריק פאַרגעקומען אַ מענדעלע פייערונג. די גאַנצע שטאָט איז געקומען — אַשכּנזישע, ספרדישע יידן און אויך פון שבט אנוסים. עס איז אפילו געווען אַ גרויסע אַרבעט אויפצוקלערן די ספרדים און אנוסים וועגן וואָס אָדער ווע־מען עס האַנדלט זיך דאָ; ווער איז דאָס געווען דער ר' מענדעלע? אַ דאָקטאָר, אַ רב צי אַ סופר?

אָבער נישט נאָר אין דעם אַליין גייט עס; מען דאַרף בכלל אויפקלערן און באַוווּסטמאַכן וועגן דער יידישער ליטעראַטור און דעם באַטייט פון אונדזער גרויסער יידישער קולטור. די אַשכּנזים ווייסן נאָך פיל־ווייניק, די ספרדים גלאָצן מיט די אויגן. צווישן די ספרדים, וועלכן האָבן שוין פאַרוואָרפן שוואַכע בריקן כדי אָנצוקניפּן קאָנטאַקט מיט אויסלאַנד און אויפצוּוועקן די פאַרגליווערטע, שטאַרק פאַרגליווערטע יידישע סביבה פון פּאָרטוגאַל. און אָנקניפּן באַציונגען מיט די לעבעדיקע, שאַפנדיקע פונקטן פון די יידישע ישובים אין דער וועלט. צייטונגען האָט מען שוין אָנגעהויבן צו באַשטעלן. וועגן אַ יידישער ביבליאָטעק רעדט מען. פאַראַן אַזעלכע, וועלכע גייען זייער אָפּט צום פּאָרט צו זען די פאַרביישווימענדיקע שיפן און קוקן מיט באַדויער: יידישע עמיגראַנטן פאָרן אַדורך און שטעלן זיך דאָ נישט אָפּ.